# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT.

Subscription Price 50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

MAY 1922
Vol. II. 9

## THE CAUSE OF ANTI-SEMITISM

Occasionally we have called the attention of our readers to certain activities of our many Jewish leaders which create an atmosphere inimical to our Jewish brethren at large. We want now to place before you another recent incident, showing how some individual Jews disgrace themselves and heap mischief upon the heads of the entire Jewish nation. We quote the following lines from the March 17th issue of "The Jewish Tribune", a weekly periodical which modestly styles itself "America's foremost Jewish weekly":-

> "We call the attention of our readers to the correpondence between Charles T. Williams, D. D., and Mr. Carl Laemmle, President of the Universal Film Manufacturing Co., Published on another page of this issue. Mr. Laemmle has applied a veritable rod to the back of the heartless D. D. We have met many Williamses who on Sundays bow down reverently in worship to a dead Jew, and the whole year around lie, abuse and hate the living Jews. This Williams, like others of his ilk, forgets that it is the Jew that extricated his savage parents from paganism, he forgets that if not for the Jews he himself would yet worship animals. True, judging from his letter, this D. D.'s morality has not gained much from his Jewish Deity and Jewish Apostles, yet he should be grateful to his Jewish sires for the possibility they gave him to figure as a religious instructor, when in reality his religiosity is swamped by his bigotry and evil-heartedness. However, we Jews will not dare judge all Christians by Williams. With apology to Daniel, we place the good Christians among those who deserve everlasting life, and Williams with those who deserve everlasting shame and contempt. Mr. Laemmle's letter presents a particle of the contempt which honest people, good Americans, and, if you please, true Jews feel towards blackhearted maligners of their betters."

It was Christian gentleman who called our attention to these offensive and insulting lines. We are amazed that there exists a Jew in America who could be so inconsiderate of the feelings of millions of Christian people by blattering ignorantly that they worship "a dead Jew!" How can any man of ordinary common sense utter such phrases which must only stir up racial strife and religious hatred? Is it to be wondered at that even in this free country we find people who do not like us? The Christians worship the Son of God, whom that "foremost Jewish editor" blasphemously calls "a dead Jew" but who has proven to be the source of salvation to the down-trodden Jew. The Christian's love for the Saviour, the Jewish Messiah, has developed into the finest spirit of tolerance toward the Jew. What would have become of such "foremost Jewish editors" if these worshippers of "a dead Jew" had shut their doors and compelled them to return to Trotzky's country and worship a living Jew? And now instead of being thankful this "foremost Jewish editor" turns around and slaps both the right and left cheeks of his benefactors by adjudging them as worshippers of "a dead Jew"! Such an ingrate must bring a blush of shame to the cheeks of every thoughtful Jew. We know the sad fact that the world has always judged the Jews not by the many that are good but by the few who are bad. It is therefore a grave situation. The danger is imminent. What is to be done? It is the duty of every decent Jew to protest against such publications. The rabbis, instead of bothering their heads with trifles, should concentrate their efforts upon weeding out such thoughtless editors and thus turn away the tide of anti-semitism which is rising so rapidly as a result of such ignorant "foremost Jewish editors".

### The Most Surely Established Event in History

Besides the harm that the statement "a dead Jew" can bring upon our Jewish people because of its insult to the most prominent Christian people of this country who believe in the Lord Jesus Christ as the Son of God and the Saviour of mankind, it is worthy of notice that such words come as a result of crass ignorance. The resurrection of the Lord Jesus Christ, Who arose from the dead on the third day, as He had foretold He would do, is the most surely established fact in history. Many profane historians who were not interested at all in the Christian religion, have recorded the fact of the resurrection of Christ. Even the great and famous Jewish historian Josephus writes as follows:

> "Now, there was about this time Jesus, a wise man, if it be lawful to call him a man, for he was a doer of wonderful works,—a teacher of such men as receive the truth with pleasure. He drew over to him both many of the Jews, and many of the Gentiles. He was (the) Christ; and when Pilate, at the suggestion of the principal men amongst us, had condemned him to the cross, those that loved him at the first did not forsake him, for he appeard to them alive again the third day, as the divine prophets had foretold these and ten thousand other wonderful things concerning him; and the tribe of Christians, so named from him, are not extinct at this day" Antiquities 18:3.

If that "foremost Jewish editor" would know his own Bible and then read the historical narrative of the life and death and resurrection of Christ as recorded in the New Testament he would not show such ignorance of these facts. What was the cause of the sudden change in the few Jewish disciples of Christ after He was crucified? Just three days before He rose from the dead they were filled with fear of the Jewish Sanhedrim and Priests. They scattered as soon as the Lord Jesus was condemned to die. Even Simon Peter who had always been bold now became fearful and even denied any knowledge of Him. But after the resurrection there came a sudden revolution in their minds and behaviour. They stepped forward fearlessly before the whole nation and preached openly that the Lord Jesus Christ rose from the dead on the third day according to the scriptures. No imprisonment, no stoning, no threats could intimidate them. How can our great editor explain such a phenomenon?

And again, if it could have been possible to prove that the Lord Jesus was dead and buried and that He did not rise again, would not the Sanhedrim have eagerly given these proofs to the Jews of Jerusalem? For it must be remembered that those Jerusalem Jews believed in that "dead Jew" because He rose up from the dead on the third day. Just a few weeks after the crucifixion three thousand Jews in one day were converted to the "dead Jew". The Sanhedrim and the priests endeavored to destroy the new faith in Jesus the Messiah by resorting to persecution and torment; they forbade those poor Jewish disciples to preach the risen Messiah Jesus under the penalty of stripes and other tortures. Why did they not once for all take the prominent Jews, together with those who believed, to the tomb where the body of Christ was buried and show them that His body was still there so that the disciples could no more preach that Jesus rose from the dead? The answer is simple: they could not do so because on the third day after the crucifixion the tomb had been found empty. Thus the disciples' declaration of the resurrection was corroborated by the empty grave, watched over by sixty Roman soldiers.

Thanks be to God, whose word is true, He foretold us thru His only begotten Son Jesus that as Jonah was three days and three nights in the belly of the great fish, so had the Messiah of Israel to be buried in the grave and rise again on the third day. And look at the wonderful effect His resurrection has had on the world at large and also on the Jews. God grant that the same effect may come with power into the heart of this "foremost Jewish editor" as well as of all our Jewish brethren, creating in them a new frame of mind, seeing in Jesus the promised Messiah and Saviour who is the source of life, light and wisdom. Then and only then will the Jewish people become God's people again and be free from anti-semitism forever.

**BETH SAR SHALOM**
**Williamsburg Mission To The Jews**
**Throop Avenue and Walton Street**
**Brooklyn, N. Y.**

המשיח. דיזע בעשרייבונג איז באשטעטינט און פעסטגעשטעלט בייא דיא געבילדעטסטע און בעסטע מענשען פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. דיזע געשיכטע געפינט זיך אין ספר "ברית חדשה" וועלכעס דערצעהלט אונז דעם ריינעם אמת איבער דעם לעבען, דעם טויט און די תקומה פון ישוע המשיח.

אין מתתיהו כ"ו לייענען מיר, אז אזוי באלד ווי די סנהדרין האבען דעם הייליגען משיח איבערגעגבען אין רציחה'שע הענד געקרייציגט צו ווערען, האבען זיך זיינע תלמידים פון וועג אפגערוימט. זייא האבען איהם פערלאזט און ענטלאפען. אפילו דער געטרייעסטער תלמיד, שמעון, האט זיך אויך לחלוטין ענטזאגט פון זיין טייערען רבי'ן, זאגענדיג, אז ער קען איהם גאר ניט.

אבער פלוצים, אזויבאלד וויא ישוע המשיח איז אויפגעשטאנען תחית המתים זיינען אלע זיינע תלמידים פערוואנדעלט געווארען אין הערקולעסען. דיא ערשט נעכטיגע פייגלינגע זיינען אויף איינמאל אנגעפילט געווארען מיט מוטה. די וועלכע האבען ערשט נעכטען געציטערט אז מ'זאל זיי חלילה ניט דערקענען אלס י ש ו ע משיח'ס תלמידים, האבען פלוצלים זיך בעוויזען אין די גאסען פון ירושלים ערקלעהרענדיג בפני קהל ועדה אז ישוע המשיח איז גאר אויפגעשטאנען פון קבר.

עס פרעגט זיך איצטער, וואו שטעקט דער מיסטעריעזער סוד פון דעם פלוצים'דיגען אומבייט אין דער שטעלונג פון די תלמידים? קאן דער "פארנעהמסטער רעדאקטער" אונז צו פערשטעהן געבען יענע פענאמינאלע פארענדערונג פון יענע אידישע תלמידים? וועלכער כח האט געקענט אומענדערן יענע שוואכע לעמעלעך און זיי מאכען פאר מוטהיגע און שטארקע לייבען? דאס אלעס ווערט אבער קלאר דורך דעם פאקט אז ישוע המשיח איז אויפגעשטאנען תחית המתים אזוי ווי ער האט זיי צופאר געזאגט (מתתיהו י"ב, פסוק 39)

די תלמידים האבען אבער דאס ניט פערשטאנען טראכטענדיג אז אזא זאך איז לחלוטין אונמעגליך. זייער גרויסער רבי קען ניט שטארבען! אלא יא, איז דאך די תקומה אונפערשטענדליך. דערפאר זענען זיי צום שלום געקומען אז ישוע המשיח האט גאר עפעס אנדערש געמיינט מיט זיינע ווערטער.

ווען זיי האבען איהם אבער דערזעהן לעבעדיג נאך'ן טויט איז א נייע ליכט געקומען איבער זייער פערשטאנד. דאמאלס האבען זיי איינגעזעהן דעם אמת פון זיינע ווערטער, אז "אזוי ווי יונה איז ארויס געקומען פון'ם פיש אויף'ן דריטען טאג אזוי איז אויך דער משיח פון'ם קבר ארויס געקומען אויף'ן דריטען טאג". אט דאס האט זיי אריינגעגעבען נייע כוחות, נייעם לעבען. און האבען געקענט וואגען צו דרש'ענען אין די גאסען פון ירושלים אז ישוע איז לעבעדיג, און נישט טויט.

נאך א בעוויז: אין מפעלות השליחים לייענען מיר אז די סנהדרין האבען שטרענג פארבאטען די תלמידים צו דרש'ענען פון ישוע המשיח'ס תחית המתים. זיי האבען די תלמידים געפייניגט, געמארטערט און געשטייניגט נור דערפאר ווייל זיי האבען עדות געזאגט אז ישוע איז אויפגעשטאנען פון'ם קבר. איצטער פרעגט זיך: אויב ס'איז טאקע אזוי ווי דער אויבען דערמאנטער "פארנעהמסטער רעדאקטאר" וויל אונז איינרעדען אז דער משיח איז נור "א טויטער איד", פארוואס האבען דיא סנהדרין נישט בעוויזען צו איבערצייגען אז די תלמידים. פון ישוע זאגען ניט אמת, מיט דעם זיכערען פאקט אז ישוע'ס טויטער קערפער ליגט נאך גאר אין קבר!

זיי האבען אבער דאס ניט געקענט בעווייזען, ווייל דער קבר איז לגמרי געפונען געווארען ליידיג. נור די תכריכים זיינען דארט געבליבען צונויפגעלייגט אין א זעהר גוטער ארדענונג; א סימן אז דאס איז ניט געטון געווארען בחפזון, נייערט מיט אן אויסגערעכענטער באקוועמליכקייט. און האטש די סנהדרין האבען דארט באשטעלט 60 סאלדאטען צו בעוואכען דעם קבר פון דער קבורה־צייט אן ביז נאך דער תקומה, איז ער ד א ך אויפגעשטאנען תחית המתים אזוי ווי די הייליגע נביאים האבען אויף איהם העט העט לאנג צוריק נביאות געזאגט.

די זאך איז אזוי קלאר און פערשטענדליך אז ס'איז פשוט צום שטוינען ווען מיר באגעגנען א סקעפטיק אין דיעזען ענין.

די גרעסטע שטאאטס־מענער פון ענגלאנד און אמעריקא האבען דאס געגלויבט און גלויבען נאך עד היום דרין. נעמט למשל א וואשינגטאן, לינקאלן, מאקינלי, ווילסאן און הארדינג אין אמעריקא. גלאדסטאן, לארד ביקאנספיעלד, לאיד־דזשאדזש און באלפור אין ענגלאנד, און אסאך אנדערע אין מספר. צום סוף קומט עפעס אן איגנאראנט אידל און זאגט אז ער איז קלוגער פאר אלע גרויסע מעננער אין דער גאנצער וועלט ווייל ער איז דער "פארנעהמסטער אידישער רעדאקטער".

## אַ דזשאַדזש בעגעהט אַ מאָרד

א טשיקאווע שטיקל נייעס האבען אונז די צייטונגען געברענגט, אז א געוועזענער "סופרים קאורט דזשאדזש פון אקלאהאמא סטייט, האט ערמארדעט זיינעם א פריינד א פאלקאווניק אין דעם "פליה־קארפוס" פון דער אמעריקאנער ארמעע.

ס'איז אמת, אז דער מאטיוו וואס האט יענעם עקס־דזשאדזש געטריבען צו בעגעהן דעם מארד האט איהם טיילווייז בארעכטיגט דאצו. ווייל דער פאלקאווניק צו וועם דער דזשאדזש האט כל ימיו זיין גרעסטען צופערטרויען געהאט, האט גאר פלוצים אין א געוויסער נאכט ווען דער דזשאדזש איז ניט דאהיים געוועזען זיין פרוי אטאקירט אויף א שענדליכען אופן און ווען דער דזשאדזש איז אויף דער סצענע אהיימגעקומען האט ער איהם דערשאסען.

עס איז אבער אויך אמת אז ווען דערזעלבער דזשאדזש איז געזעסען אין דער סופרים־קאורט צו משפט'ן אנדערע פארברעכער וואלט ער אזא מין פערטהיידיגונג ניט אנגענומען. יא פריינד צו ניט פריינד. יא בעליידיגט צו ניט בעליידיגט. דער דזשאדזש וואלט זיין פסק ארויסגעגעבען אז דער מענש טהאר ניט דאס געזעץ אליין אין זיינע הענד נעמען יענעם צו ערמארדען, און אזא מין חברה־מאן וואלט גע'משפט געווארען אין מארד ערשטען גראד...

נו פרעגט זיך: וויא קומט דאס אז אזא מענש זאל זיך אזוי פערגעסען און אליין א מארד בעגעהן?

דער תירוץ איז: דער מענש איז א בעל שתי פרצופים. א צוויי פנים'דיגער. ער באזיצט צוויי נאטורען. איינע, ווען עס האנדעלט זיך וועגען יענעם'ס כבוד, וועגען יענעם'ס געלד און יענעם'ס ווייב. און דיא צווייטע ־ ווען עס איז נוגע זיין אייגענעם כבוד אז"ו. אזאלכע צוויי גענגן געזעצטע נאטורען זעהען מיר ביי יעדען מענש. ביים דזשאדזש, ביים חזן, ביים פאליטישען און ביים רב. יעדער האלט פון זיך עולם ומלואו, און וואס מ'טאר נישט בייא יענעם מעג מען ביי זיך;

דאס דערמאנט אונז דיא מעשה מיט דער ציעג און דעם רב. דעם רב'ס ציעג איז אמאל אום שבת אריינגעפאלען אין דער ברונם איז מען איהם געקומען סתם פרעגען א שאלה צו מ'מעג א ציעג ארויס נעמען אום שבת פון דער ברונם. האט ער מסתמא געזאגט אז ניין. סטייטש רבי ־ האט מען איהם געזאגט די ציעג איז דאך אייערע! וואס, מיין ציעג איז אריינגעפאלען, האט ער זיך אחאפ געגעבען. שנעל לויפט און נעמט זי ארויס.

במה דברים אמורים, ווען איז דער מענש אזוי, ווען דער באטרעפענדער איז קיין ג ל ו י ב י ג ע ר אין י ש ו ע ה מ ש י ח, מעג דער יעניגער זיין יא געבילדעט אדער נישט. אזוי באלד וויא מ'איז איהם נור פוגע בכבודו, שפרינגט אויף די חיה וואס זיצט אין דעם מענש, ער ווערט אש להבה, און מאכט א בארג אש פון זיין אנגרייפער. ווייל ווי מ'האמיר צופאר געזאגט, באזיצט דער מענש צוויי פנים'ער, (נאטורען) א גייסטיגע און א טהירישע. און אין דעם אונגלויביגען מענש איז תמיד די טהירישע נאטור גובר, און איז ידו על עליונה.

וויפעל זיינען דא אזאלכע וואס אין דער שוהל זיינען זיי "שישי אידען" דאכציך שעהנע פנים'ער, ניט אזוי? אבער וואס פאר א פנים'ער טראגען זיי אויסער דער שוהל! אפילו א קאזאק וואלט בעדארפט רויט ווערען פאר בושה קוקענדיג אויף א טייל פון זיי, וואס זיי טוען און וואו זיי זענען...

וויפיעל זיינען דא משולחים וועלכע ווען זיי פארען נאך יוראפ האט דאס א טשאריטעבל פנים, פול מיט רחמנות, און ערעלקייט, זיי זיינען פשוט נור גאט דיא נשמה שולדיג. אבער אזוי־באלד ווי זיי קומען צו די נצרכים אויף יענער זייט ים וואו מ'דארף יעדען סענט אהין צו געבען באקומט דאס אן אנדער פנים און אן אנדערן כאראקטער...

ניט בחנם האט ישוע המשיח געזאגט אין לוקס י"א, 39: "הנה אתם הפרושים תטהרו את הכום ואת הקערה מחוץ וקרבכם מלא עשק ואון. יא, י ש ו ע המשיח האט גוט געקענט יענע שווארצע חברה מיט צוויי פנים'ער... און האט זיי טאקע געוואלט פאר בעסערע מענשען מאכען אז זיי זאלען זיין "תוכו כברו" מיט איין פנים, מיט איין כאראקטער. וועלכע האבען אבער דאס געוואלט!

אין דער אמונה פון ישוע המשיח געהט עס גאנץ אנדערש. דאס אלטע, דאס דונקעלע און דאס שמוציגע פאלט לגמרי אוועק. דער מענש גופא איז נישט מעהר אונטערוואָרפען דיא נאטור, ניין! ער ווערט אין משיח אן אויבער־מענש. א למעלה מן הטבע, א שפוגעל נייע בריאה. וואס ער רעדט דאס מיינט ער. ער ליעבט יענעם וויא זיך אליין, ווייל ביי איהם איז דאס טהירישע לחלוטין אונטערדריקט. (א קארינטער 9) און דיא געטליכע נאטור דורך ישוע המשיח איז ביי איהם "ידו על העליונה".

איצט וועט איהר ליעבער לעזער שוין קענען פארשטעהן ווארום מיר מיסיאנערן זיינען זיך אזוי מוסר נפש אום אידען בעקאנט צו מאכען מיט אונזערן הייליגען ישוע המשיח און מיט זיין לעהרע. ווען כל ישראל זאל אין איהם גלויבען און זיין געטליכען לעהרע פראקטיצירען וואלט מיר געהאט שוין דא אויף דער ערד דאס "גן עדן". די נאציאנען וואלטען אונז בכבוד געהאלטען און מיר וואלטען ווידער געווארען דאס "זרע ברך ד' ".

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

MAY 1922
Vol. II. 9

## אַן אַרבייטער שטעהט־אויף תחית המתים

דאס האט פאסירט ניט לאנג צוריק אין אונזער גרויסער שטארט ניו יארק.

מר' גורניק, א ווינדאו קלינער, האט געקלינט דיא ווינדאוס פון א בילדינג נומער 53 איסט 25טע סטריט, און איז פלוצלינג ארונטער געפאלען. ער איז געבליבען ליגען בעוואוסטלויז און מ'האט זיכער געמיינט אז דער מאן איז טויט. ווען מ'האט אבער דעם טויטען קערפער אפגעפיהרט צום מארג און אוועקגעלעגט צווישען די אנדערע טויטע קערפער, האט ער זיך פלוצים אויפגעחאפט און איז לעבעדיג געווארען.

אזאלכע פאלען זיינען אבער לחלוטין קיין נייעס ווייל אזוי־וואס האט שוין אסאך מאל פאסיערט אין דער וועלט. מיר וויסען אז דאס טויטע קינד פון דער גוי'שער אלמנה פון צרפת איז לעבעדיג געווארען דורך אליהו הנביא. (מלכים א. י"ז) דאס קינד פון דער שונמית איז לעבעדיג געווארען דורך אלישע הנביא. (מלכים ב. ד) א טויטער מאן וואס מ'האט אריינגעווארפען אין קבר פון אלישע הנביא איז אויך לעבעדיג געווארען. (מלכים ב. י"ג) און פיעלע אנדערע עהנליכע פעלע האבען זיך שוין זייט דאמאלס אין דער וועלט געטראפען. אבער אזא פאל וואו דער טויטער איז אין קבר בעגראבען געווען שוין איינינע טעג, אז אזוי איינער זאל אויפשטעהן תחית המתים, האט נאך קיינמאל ניט פאסיערט אחוץ ישוע המשיח. און ער האט דאס אין פאראויס געזאגט צו זיינע תלמידים אז ס'וועט אזוי זיין. ער האט זייא בפירוש געגעבען צו פארשטעהן אז יונה הנביא וועלכער איז געווען איינגעשלונגען אין א פיש דריי טעג און דריי נעכט איז געווען א רמז אויף י ש ו ע המשיח וואס דארף אויך זיין דריי טעג און דריי נעכט אין דער ערד און אויף'ן דריטען טאג אויפשטעהן תחית המתים.

מיט איינינע וואכען צוריק האט א קריסטליכער פריינד, אן אוהב ישראל, אונז דערלאנגט אן ענגליש בלעטל, געדרוקט פון א אידישען רעדאקטאר, מיט'ן גרויסען טיטל "דאס פארנעהמסטע אידישע וואכענבלאט". אין יענעם בלעטל האט אונז דער קריסט אנגעציינט אן ארטיקל אין וועלכען דער רעדאקטאר זאגט אז "א קריסט גלויבט און בוקט זיך צו א טויטען איד". איהר ליעבע לעזער קענט אייך קוים פארשטעלען וואס פאר א גרויסען היזק אזא ארטיקעל קען ברענגען אויף אידען דא אין אמעריקא וויא אויך אין דער גאנצער וועלט.

וויאזוי א איד קען זיין אזוי אונפארזיכטיג, לייכטזיניג און דרייסט צו פארעפענטליכען אין דער ענגלישער שפראך אזא מין בעליידיגונג פאר דעם אמעריקאנער פאלק, קענען מיר לחלוטין ניט משיג זיין.

מיר האבען שוין פיעלע מאל דורך'ן "ר ע ה י ש ר א ל" דיא אויפמערקזאמקייט פון אונזערע ווערטהע לעזער געצויגען צו אזאלכע דעמאגאגען וועלכע פעראורזאכען פיינדשאפט צווישען אונזערע ניט אידישע שכנים צו אידען. אבער דיעזער פאל איבערטרעפט אלע ביזהעריגע וועלכע מיר האבען ווען־עס־איז פארעפענטליכט.

דאס אמעריקאנער פאלק, אן ערך הונדערט מיליאן מענשען זיינען קריסטליך געזאנען. וויא למשל דער פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען און פיעלע אנדערע וואס זיינען אויף דער שפיצע פון דער אמעריקאנער נאציאן, זיי אלע אנערקענען ישוע המשיח אלס דעם גואל צדק. ער איז ביי זיי אין הערצען די גרעסטע און הייליגסטע פערזעהנליכקייט אין דער וועלט. און טאקע דערפאר ווייל זיי ליעבען ישוע המשיח אזוי שטארק האבען זיי פיעל פריינדשאפט געציינט צו אמעריקאנער אידען ווי אויך צו דיא פערפאלגטע אידען אין יוראפ. יא נאכמעהר: דורך דעם רעספעקט און ליעבע וואס די ערשטע כעטלערס אין אמעריקא האבען געהאט צו ישוע המשיח האט זיך דאדורך ענטוויקעלט א גרויסע און נאבעלע טאלעראנץ צו אידען. דורך דעם בעוואוסטזיין פון דעם אמעריקאנער פאלק אז ישוע המשיח איז דער אמת'ער גואל צדק, האבען פיעל געפלאגטע אידען געפונען א מקום מנוחה דא אין אמעריקא!

און איצט קומט עפעס א אידל וועלכער האט זיך אויסגעלערענט אין די אמעריקאנער שוהלען אביסעל ענגליש, ער האט גענאסען פון דער פרייהייט און גלייכהייט וואס מ'האט אין נאמען פון ישוע המשיח איהם און אלע אנדערע געראנטירט, און אט אזא אידל גיט זיך פלוצים א דרעה אויף איין פוס און דערלאנגט מיט'ן קאלאק א זעץ אין פנים אלע קריסטען אין אמעריקא, זאגענדיג אז זיי זיינען אלע געצען־דיענער ווייל זיי בוקען זיך "צו א טויטען איד".

וואס וואלט למשל געווארען פון אזא אידל ווען דיא אמעריקאנער וואס בוקען זיך צו א טויטען איד וואלטען איהם צוריק געשיקט נאך דעם סאוויעטען־לאנד וואו ער וואלט געצוואונגען געווארען זיך צו בוקען צו א לעבעדיגען איד! (טראצקי) אזאלכע צרות קומען געוועהנליך פון מארך־לויזע, האלב־געלערענטע און גאנץ־איינגעבילדעטע קרומע קעפ......

איהר ווערטהע לעזער קענט אפשר די זאך ניט אזוי ווייט בעגרייפען ווי שעדליך אזא זאך איז, ווי מיר וואס קומען אין בעריהרונג מיט קריסטען און פערשטעהען גענוי זייערע מיינונגען. אבער אפילו א איבערפלעכליכער דענקער קען אויך איינזעהן דעם געפעהרליכען פועל יוצא פון אזא אומגעלומפערטען ארטיקעל.

ווען די רבנים וואס בעשעפטיגען זיך געוועהנליך מיט קלייניקייטען וואלטען זיך צוזאם גענומען אבצושאפען אזאלכע שריפטשטעלער פון צווישען אידען, וואלטען זיי די גלייכסטע זאך געטהאן כדי צו בעהיטען און בעשיצען אידען בכל מה דאפשר פון אנטיסעמיטיזם וואס קען זיך צופלאקערען פון אזאלכע חוצפה'דיגע דבורים פון אן איגנאראנטען איד.

## דיא תחית המתים פון ישוע המשיח

ווייל אזאלכע ווערטער "א טויטען איד" ציעלענדיג אויף ישוע המשיח, קענען נור פראדוציערט ווערען פון קראנקע מוחות, וועלכע האבען לחלוטין ניט אנגעזעהן היסטאריע פאר דיא אויגען, וועל מיר דא וועגען דעם ענין אביסעל שרייבען:

ס'איז ניט פערהאנען אין דער גאנצער היסטאריע א מעהר זיכערע און שטארקערע באשטעטיגטע פאקט אלס די וואונדערבארע עראייגנים וואס האט פאסירט אין ירושלים מיט 1900 יאר צוריק ווען ישוע המשיח איז אויפגעשטאנען פון קבר אויף'ן דריטען טאג. פיעלע געשיכטע שרייבער וואס זיינען קיינע קריסטען געווען האבען דיעזע באשטעטיגונג קאמפערמיערט און פעסטגעשטעלט.

אפילו יוסיפון, דער גרויסער אידישער היסטאריקער האט אויך אין זיין בוך געשריבען דערפון, האטש זעהר קורץ, דאך גענוג צום פונקט, דהיינו אז ישוע המשיח איז אויפגעשטאנען תחית המתים אויף'ן דריטען טאג נאך זיין קרייציגונג, און האט זיך פיעלע מאל בעוויזען לעבעדיגערהייט צו זיינע תלמידים. (יוסיפין אנטיק. 18)

נאר צו וואס גאר קריכען צו היסטאריקער ווען מיר האבען די אריגינעלע לעבענס־געשיכטע פון ישוע